בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ו'

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת צו - שבת הגדול תשפ"ג

## שִׁעוּרִים אִין חִינוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה שְׁנַת תשפ"ג קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א

**אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶועלְן מִיר אָנְהֵייבְּן מִיט אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה שְׁנַת תשפ"ג, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### וָואס אִיז מַיין אַרְבֶּעט

**בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם ה',** אַלֶע חָשׁוּבְ'עֶ מְחַנְּכִים, מְלַמְּדִים אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן 'חִינוּךְ הַיְלָדִים', מְחַנֵּךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן כְּדֵי צוּ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין, אִיז עֶר זָאלְן וִויסְן בַּיי זִיךְ 'וָואס טוּ אִיךְ', אוּן 'וָואס אִיז מַיין אַרְבֶּעט'. וֶוען מֶען וֵייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן מְחַנֵּךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, דִי הֵיילִיגֶע אַלֶ"ף בֵּי"ת אוּן עִבְרִי, דִי הֵיילִיגֶע דַאוֶונֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אִיז זֵייעֶר גְרִינְג דִי אַרְבֶּעט.

### סְתַּם גֶעדְרֵייְדְט מִיט דִי הַאנְט

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַמָאל אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין רוּסְלַאנְד. אֵיינְמָאל הָאבְּן דִי פָּאלִיצֵיי אַיינְגֶעשְׁפַּארְט מֶענְטְשְׁן אִין תְּפִיסָה, זֵיי הָאבְּן גֶעהֵייסְן דִי מֶענְטְשְׁן זָאלְן אַרְבֶּעטְן פַאר זֵיי אִין תְּפִיסָה, זֵיי זָאלְן אַ גַאנְצְן טָאג דְרֵייעֶן גְרוֹיסֶע מִילְשְׁטֵיינֶער, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אוּן מֶען הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז פוּן אִינְדְרוֹיסְן לֵייגְן זֵיי אַרַיין וֵוייץ אִינֶעם מִיל, אוּן דוּרְכְ'ן דְרֵייעֶן דֶעם אַייזְן קוּמְט אַרוֹיס פֵּיינֶע מֶעל.

דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעפָאלְגְט, גַאנְצֶע צֶען יָאר הָאבְּן זֵיי גֶעאַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער, פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז פַארְנַאכְטְס הָאבְּן זֵיי גֶעדְרֵייְדְט דֶעם אַייזְן. נָאךְ צֶען יָאר זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ לִיגְנְט, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אִינְדְרוֹיסְן קַיין וֵוייץ, עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין מֶעל, זֵיי הָאבְּן אוּמְזִיסְט גֶעדְרֵייְדְט אַן אַייזְן צֶען יָאר! זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן אַזוֹי אַנְטוֹישְׁט אוּן צֶעבְּרָאכְן, אוּן זֵיי זֶענֶען דֶערְפוּן קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן גֶעשְׁטָארְבְּן.

וָואס זֶעט מֶען פוּן דֶעם? וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט 'אִיךְ טוּ עֶפֶּעס אוֹיף', 'אִיךְ בִּין עֶפֶּעס וֶוערְד', עֶס גֵייט אַרַיין וֵוייץ אוּן עֶס קוּמְט אַרוֹיס מֶעל, הָאט עֶר כֹּחַ צוּ דְרֵייעֶן אַן אַייזְן צֶען יָאר, אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעוואוּיר אַז עֶר הָאט סְתַּם גֶעדְרֵייְדְט מִיט דִי הַאנְט אוּן גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן, קֶען עֶר פוּן דֶעם אַלֵיינְס שְׁטַארְבְּן.

### אִיךְ גְרֵייט אָן אִידִישֶׁע קִינְדֶער

דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר אַ מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין צוּ וִויסְן וָואס מֶען טוּט אוֹיף מִיט דִי קִינְדֶער; מֶען קוּמְט - טָאג אַיין טָאג אוֹיס - אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג, נָאךְ אַ וָואךְ, נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ אוּן נָאךְ אַ יָאר, אוּן וָואס טוּ אִיךְ אוֹיף?! אָבֶּער וֶוען מֶען וֵייסְט אַז 'אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ גְרֵייט אָן אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה וֶועג, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועג', אִיז מֶען פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג, אוּן מֶען הָאט כֹּחַ אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

### "דוּ גֵייסְט זַיין גֶעזוּנְט!"

אִיךְ אַייל זִיךְ צוּ פָארְן קַיין קִרְיַת יוֹאֵל, צוּ דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן סְקוּל, וֶועל אִיךְ דָא רֶעדְן נָאר אַפָּאר זַאכְן וָואס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ וִויסְן. אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן שְׁטֶעטְל הָאט גֶעהַאט אַן אַפֶּענְדִיקְס לֹא עָלֵינוּ, הַצָּלָה הָאט אִים אַרַיין גֶעפִירְט אִין שְׁפִּיטָאל, מֶען הָאט אִים גֶעמַאכְט אַן אַפֶּערַאצְיֶע אוּן אַלֶעס אִיז בָּרוּךְ ה' אַרִיבֶּער פֵּיין, בִּיז דֶער דָאקְטֶער הָאט בַּאמֶערְקְט אַז דֶער אָטֶעם כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט גֶעהֶערִיג צוּרִיק, זַיינֶע לוּנְגֶען זֶענֶען אָנְגֶעלֵייגְט וְכוּ', הָאט מֶען אִים גֶעדַארְפְט אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף אַ רֶעסְפֶּערֶעיטָאר אִין אֵיי סִי יוּ, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעלִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל פַארְשְׁלַאפְט, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט רַחֲמֵי שָׁמַיִם.

בָּרוּךְ ה' אַז מֶען הָאט דֶער רֶבִּי, דֶער רֶבִּי לָאזְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פַארְלִירְן, דֶער רֶבִּי לֵייגְט אִין אוּנְז אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זִיסֶע טְרֶערְן, נִישְׁט מִיט זַאלְצִיגֶע טְרֶערְן, מֶען הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט הָאפֶענוּנְג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן אוּן שִׁיקְן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.

נֶעכְטְן נַאכְט רוּפְט מִיר זַיין וַוייבּ פְרֶעגְן וָואס זִי זָאל טוּן, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט, זִי זָאל גֵיין צוּ אִיר מַאן, אִים זָאגְן עֶטְלִיכֶע מָאל: **"דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט!" "דוּ גֵייסְט זַיין גֶעזוּנְט!"** אֲפִילוּ עֶר אִיז פַארְשְׁלַאפְט - הֶערְט עֶר יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים.

פארזעצונג אין עמוד ב' >>>

# שיעורים אין חינוך

זונטאג פָּרָשַׁת וָאֵרָא תשפ"ג אין עיה"ק יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

<<< פארזעצונג פון עמוד א'

שְׁפֶּעטֶער הָאט זִי צוּרִיק גֶערוּפְן אוּן דֶערְצֵיילְט אַז זִי הָאט דָאס גֶעטוּן, אוּן גְלַייךְ הָאט זִי גֶעזֶען וִוי עֶר הֵייבְּט זִיךְ אָן רִיקְן זַיינֶע הֶענְט, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט: **"זָאגְט עֶס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וַוייל עֶר הֶערְט יֶעדֶעס וָוארְט!"**

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן מֶען הָאט שׁוֹין גֶעקֶענְט רֶעדְן מִיט אִים, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן וַוייל עֶר הָאט נָאךְ גֶעהַאט דֶעם רֶעסְפֶּערֶעיטָאר אִין מוֹיל, אָבֶּער זַיין שְׁוֶוער הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף סְפִּיקֶער, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, דוּ גֵייסְט זַיין גֶעזוּנְט, דוּ גֵייסְט שׁוֹין אַרוֹיס פוּן שְׁפִּיטָאל"**, בָּרוּךְ ה' פְרִיעֶר הֶער אִיךְ שׁוֹין דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ פוּן דִי רֶעסְפֶּערֶעיטָאר אוּן זַיין מַצָּב וֶוערְט בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער.

**דוּ גֵייסְט קֶענֶען!**

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט דִי וֶוערְטֶער: **"דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט"**, **"דוּ גֵייסְט זַיין גֶעזוּנְט"**, **"דוּ קֶענְסְט"**, **"דוּ גֵייסְט קֶענֶען"**, **"פְּרוּבִּיר נָאכְאַמָאל דוּ גֵייסְט קֶענֶען"**, גֶעבְּט דָאס אִים הָאפֶענוּנְג זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן קֶעמְפְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַאלְן.

אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶערוּפְן אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי קִינְדֶער, אוּן מִיר זָאגְן אַז 'דֶער קֶען נִישְׁט', 'דֶער טוֹיג נִישְׁט' אוּן 'דֶער אִיז גָארְנִישְׁט', אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין זֵיי אַ זִיכֶערְקֵייט, **"דוּ קֶענְסְט!"** אוּן: **"עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט יֶעצְט, דוּ גֵייסְט בַּאלְד קֶענֶען"**.

**אִיךְ קֶען אוּן יֶעדֶער וֶועט קֶענֶען!**

אוֹיךְ דַארְפְן דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס אַלֵיינְס זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ: **"אִיךְ קֶען אוּן יֶעדֶער וֶועט קֶענֶען"**, זִיךְ נִישְׁט זֶעלְבְּסְט אַרָאפּ קְלַאפְּן אַז **"אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ טוֹיג נִישְׁט אִין מַיין אַרְבֶּעט"**, וַוייל דֶעמָאלְט קֶען מֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אַ קִינְד וָואס פָּאלְגְט נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר "כִּי תָבוֹא אֶל אוּמַאן", כ' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאף אַז אִיר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט נֶעכְטְן.

אַז אַ קִינְד פָּאלְגְט נִישְׁט אִין קְלַאס אִיז פַארְהַאן צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיטְן קִינְד; דִי גְרִינְגְסְטֶע וֶועג אִיז אַז מֶען שִׁיקְט אַרוֹיס דָאס קִינְד פוּן קְלַאס, מֶען שִׁיקְט דָאס קִינְד צוּם אָפִּיס, מֶען הֵייסְט דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן רוּפְן וְכוּ' וְכוּ'. אוֹיבְּנְאוֹיף זֶעט דָאס אוֹיס וִוי אַ גְרִינְגֶע וֶועג, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג. דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג אִיז צוּ גֵיין מִיט שֵׁיינֶעם, מֶען נֶעמְט דָאס קִינְד אִין אַ זַייט אוּן מֶען רֶעדְט צוּ אִים שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע וֶוערְטֶער, מֶען גֶעבְּט דָאס קִינְד אַ גְלֶעט אוּן מֶען זָאגְט פַארְן קִינְד: "אִיךְ הָאבּ דִיר אַזוֹי לִיבּ; דוּ בִּיסְט מַיין בֶּעסְטֶע תַּלְמִיד, פַארְוָואס טוּסְטוּ אַזוֹי אוּן אַזוֹי? אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר שְׁטֶער נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ'".

זַייעֶר אַסַאךְ מָאל קֶען זַיין אַז עֶפֶּעס בַּאדֶערְט פַארְן קִינְד, אַסַאךְ מָאל גֵייט דָאס קִינְד אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע צַייט אִין שְׁטוּבּ, צִי מִיט זִיךְ אַלֵיין וְכוּ', דֶערְפַאר טוּעֶן זֵיי זַאכְן וָואס שְׁטֶערְט אִין כִּתָּה. עֶס זֶעט אוֹיס וִוי זֵיי זֶענֶען שְׁלֶעכְט, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי נִישְׁט שְׁלֶעכְט, זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּט גוּט צֶעבְּרָאכְן אוּן וַוארְטְן אוֹיף אַ גְלֶעט, אוֹיף אַ גוּט וָוארְט וְכוּ'.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רב): "כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר", וֶוער עֶס הָאט וֵוייניג שֵׂכֶל דַארְף אַסַאךְ כָּבוֹד; דָאס גֵייט אָן בַּיי אַלֶע קִינְדֶער. קִינְדֶער דַארְפְן אַסַאךְ כָּבוֹד וַוייל זֵייעֶר פַארְשְׁטַאנְד אִיז נָאךְ קְלֵיין, בִּפְרַט קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער וָואס מֶען גֶעבְּט זֵיי בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער – זֵיי דַארְפְן דָאס זֵייעֶר אַסַאךְ. דֶערִיבֶּער, אַ קְלוּגֶע מְלַמֵּד אוּן טִיטְשֶׁער וֶועט הֵייבְן דִי קִינְדֶער אוּן שְׁטֶענְדִיג גֶעבְן קָאמְפְּלִימֶענְטְן סֵיי בָּרַבִּים אוּן אוֹיךְ פְּרִיוַואט.

וֶוען אַ קִינְד בַּאקוּמְט גוּטֶע וֶוערְטֶער פוּנֶעם מְלַמֵּד/טִיטְשֶׁער וֶועט דָאס קִינְד פַאלְן פַארְן מְלַמֵּד אוּן טִיטְשֶׁער אוּן זֵיי אַלֶעס פָּאלְגְן. דֶערִיבֶּער אַ קְלוּגֶער מְלַמֵּד, אַ קְלוּגֶע טִיטְשֶׁער קְלוֹיבְּט אוֹיס דֶעם צְוֵוייטְן וֶועג צוּ פּוֹעֵלְ'ן בַּיי דִי נִישְׁט פָּאלְגֶעדִיגֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אָנְהֵייבְן פָּאלְגְן אוּן טוּן וָואס מֶען פַארְלַאנְג, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, זֵיי וֶועלְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען זֵייעֶר הַארְצִיגֶער מְלַמֵּד, זֵיי וֶועלְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען דִי וַוארֶעמְקֵייט וָואס זֵייעֶר טִיטְשֶׁער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְן.

אַ נִישְׁט קְלוּגֶער מְלַמֵּד, אָדֶער אַ טִיטְשֶׁער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין וַוארֶעמְקֵייט אִין זִיךְ, וֶועלְן שְׁטֶענְדִיג נֶעמֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן וֶועג; זֵיי וֶועלְן אַרוֹיס שִׁיקְן קִינְדֶער, אַהֵיים שִׁיקְן קִינְדֶער אוּן אַרוֹיס וַוארְפְן קִינְדֶער פוּן דִי מוֹסְדוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג נָאכְזָאגְן פַאר דִי מְלַמְדִים דִי מַעֲשֶׂה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה הָאבְּן דֶערְצֵיילְט (תַּעֲנִית כד.): עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ – עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד בֶּעטְן פַאר רֶעגְן, גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין אַ גַאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַּרְדְּקֵי – אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע

פארזעצונג אין עמוד ג' <<<

## קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

אִין דִי בְּרִיוו אָפְּטֵיילוּנְג

- פַארְוָואס צִיט מִיר מֶער צוּ לֵיינֶען צַייטוּנְגֶען אִין מַיין אִיבְּרִיג צַייט, וִוי צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה?
- דַארְף אִיךְ טוּן אַלֶע חוּמְרוֹת פוּן מַיין טַאטֶע אוּם פֶּסַח?

## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
**דרוקט: 1-2-4-2**
שמעו ותחי נפשכם

<<< פאַרזעצונג פון עמוד ב'

קינדער, און איך מאַך נישט קיין חילוק פון אַ קינד וואָס דער טאַטע צאָלט מיר געלט אַז איך זאָל לערנען מיט אים, אָדער אַ קינד וואָס דער טאַטע צאָלט מיר נישט; נאָך אַ מנהג האָב איך, אַז ווען איך זע אַ קינד וואָס וויל נישט לערנען, בין איך אים משחד. איך האָב אין שטוב אַ פיש טאַנק, און איך רעד אים צו אַז אויב ער וועט לערנען וועל איך אים ווייזן די פישלעך, ביז ער הייבט אָן לערנען". זעט מען פון דעם די ריכטיגע וועג ווי אַזוי מען מאַכט קינדער לערנען, דורך דעם וואָס מען איז זיי משחד.

אַ טיטשער דאַרף שטענדיג געדענקען אַז קינדער זענען קינדער; מען דאַרף אַלץ פּרובירן אַ וועג ווי אַזוי צו מאַכן אינטערעסאַנט די לימודים אַז די קינדער זאָלן צולייגן קאָפּ צו די לימודים. אַזוי ווי ווען מען געבט צו עסן פאַר קליינע קינדער, געווענליך ווילן קינדער נישט עסן קיין געזונטע עסן: ברויט, מילך, פלייש וכו', איז דאָ צוויי וועגן ווי אַזוי מען מאַכט זיי עסן, אָדער מיט אַ גרינגע וועג: מען שלאָגט, מען שרייט, מען סטראַשעט וכו' - דערמאָלט פאָלגן די קינדער, אָדער איז דאָ אַ צווייטע וועג: מיט גוטן, מיט חכמה, מען דערציילט זיי אַ מעשה און אינמיטן די מעשה נאַרט מען אַריין אין זיי דאָס עסן וכו'.

איך וועל אייך נאָך שרייבן מער באריכות, יעצט דאַרף איך מקצר זיין.

די אַלע בריוו זאָלט איר ווייזן פאַר אַלע טיטשערס אַז אַלע זאָלן אַרויס נעמען עצות ווי אַזוי צו מחנך זיין די קינדער.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת וזאת הברכה, תשע"ט)

**מאַך יעדן קינד פאַר אַ העלד, האָב ליב יעדן קינד**

בעזרת ה' יתברך - ד' פרשת מקץ, כ"ח כסליו, ד' חנוכה, שנת תשפ"ב לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר מלמד בתלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, ליבערטי**

ווער נישט פאַרלוירן פון קיין שום זאַך. געדענקט דיינע קינדערישע יאָרן, געדענקט וואָס מוהרא"ש לערנט אונז; קינדער זענען קינדער, קינדער זענען ווילד, קינדער ווילן נישט לערנען, קינדער ווילן נאָר שפּילן, און אונזער אַרבעט איז זיי צו מאַכן לערנען, אונזער אַרבעט איז זיי צו מאַכן פאָלגן.

ווער נישט דערשראָקן ווען אַ טאַטע זאָגט דיר אַז די קינדער זאָגן: "די יאָר האָבן מיר נישט מורא, ווייל דער רבי איז נישט שטרענג, דער רבי שלאָגט נישט, דער רבי טוט גאָרנישט"; ווער נישט אויסער זיך פון וואָס די קינדער זאָגן, און זיכער נישט וואָס עלטערן זאָגן דיר.

ווען עלטערן רופן דיך מיט טענות - זאָלסטו אויסהערן וואָס זיי זאָגן; הער פון זיי אינפאָרמאַציע, הער צו יעדעס וואָרט, און נאָכדעם זאָלסטו טון וואָס דו האָסט צו טון; זאָלסט נעמען די לימודים וואָס דו האָסט געלערנט אין ישיבה, די לימודים פון מוהרא"ש און מיט אַסאַך סבלנות און ליבשאַפט ווייטער זיי מחנך זיין.

איך בין יעצט אַרויסגעקומען אין שטעטל. יעצט איז אינמיטן נאַכט, איך שרייב דיר יעצט נאָכן פאָרן אַ לאַנגע וועג; איך האָף מאָרגן צו מאַכן אַ באַזוך ביי דיר אין כתה, דיר מחזק זיין.

בנוגע דעם קינד הילד ... נרו יאיר וואָס דו זאָגסט אַז ער איז דיר נישט גורס, ער איז קאַלט, טרוקן וכו' וכו'; וויל איך דיר פרעגן, וואָס וואָלסטו געטון ווען ער איז דיין זון? וואָס וואָלסטו געטון ווען ער איז דיין ברודער? חס ושלום זאָגן אויף אַ אידיש קינד ער איז אַ קאַלטער, אַ טרוקענער וכו' וכו', די אַלע נעמען; דו רעדסט אַזוי ווי די פלשתים וואָס האָבן פאַרשטאָפּט אַלע ברונעמס וואָס די הייליגע אבות האָבן געגראָבן, אונזער עבודה איז צו גראָבן ביי יעדן איד און טרעפן אַ ברונעם וואַסער, מים חיים; נישט פאַרשטאָפּן חס ושלום.

אַז אַ קינד איז פאַרמאַכט, פאַרשלאָסן - איז אַ סימן אַז ער גייט אַריבער עפּעס אַ שוועריקייט אין לעבן. פּערזענליך האַלט איך מיט וואָס טוט זיך ביי אים אין שטוב, ער קומט פון אַ צעבראָכענע שטוב, די עלטערן זענען ערגעץ אין אַ צווייטע פּלאַץ, די קינדער גייען

פאַרזעצונג אין לעצטע עמוד <<<

# חיזוק פאַר מלמדים

ארויסגענומען פונעם 'דף שיעור' פונעם ראש ישיבה שליט"א

**ביי איינע פון די פריערדיגע גמרא שיעורים האָט דער ראש ישיבה שליט"א דערמאָנט די מלמדים מען זאָל שוין אָנהייבן צוגרייטן די קינדער צום הייליגן יום טוב פסח, דער ראש ישיבה האָט געזאָגט:**

**צוגרייטן צום יום טוב**

טייערע מלמדים; די הייליגע חכמים זאָגן (פסחים ו.): "שואלין ודורשין בהלכות הפסח קודם הפסח שלשים יום", דרייסיג טעג פאַר פסח זאָל מען שוין אָנהייבן זיך צוגרייטן צום יום טוב, מיר זענען שוין יעצט אין די דרייסיג טעג פאַר פסח, עס איז געבליבן כמעט פיר וואָכן צום הייליגן יום טוב פסח, דאַרף מען שוין אָנהייבן צוגרייטן די קינדער צום יום טוב.

**"טאַטע לעבן", "קדש, ורחץ וכו'"**

מען דאַרף שוין אָנהייבן זינגען מיט די קינדער: "טאַטע לעבן", "קדש, ורחץ וכו'", ניגונים פון פסח, און אַריין לייגן אין זיי 'סיפור יציאת מצרים'. קוקט דאָס נישט אָן ווי אַן איבעריגע זאַך, כאילו דאָס איז סתם אַרויסגעוואָרפן צייט, נאָר דאָס זענען די יסודות פון אמונה, דאָס איז דער עיקר פון חדר פונעם גאַנצן יאָר, אַריינצופרעגלען אין די קינדער יציאת מצרים.

אין די עלטערע כיתות איז נאָך דאָ צייט צו לערנען חומש רש"י און גמרא, אָבער ביי די יונגע קינדער איז שוין נישט דאָ צופיל צייט פאַר אַנדערע זאַכן, מען קען זיך נישט דערמאָנען 'בדיקת חמץ' צו רעדן פון פסח, די קינדער דאַרפן עס קענען כזקן ורגיל, מען דאַרף שוין אָנהייבן אָנצינדן טעיפּס פון יום טוב פסח און אָנהייבן חזר'ן מיט די קינדער די פיר קשיות און די סימנים 'קדש, ורחץ' וכו', כדי די קינדער זאָלן עס גוט קענען.

**אַ מלמד איז די חשוב'סטע זאַך**

אַ מלמד איז די חשוב'סטע זאַך וואָס איז דאָ אויף די וועלט, ווען די מלמדים וואָלטן געוואוסט דאָס חשיבות פון זיין אַ מלמד, וואָלטן זיי צוגעצאָלט פאַר די חדר מען זאָל זיי לאָזן זיין דער מלמד, זיי זאָלן קענען אַ גאַנצן טאָג זיצן מיט די קינדער און אַריין לייגן אין זיי אמונה און יראת שמים.

דער אייבערשטער זאָל העלפן ענק זאָלן זיך אַליינס מחשיב זיין, און עטס זאָלט האָבן ברכה און הצלחה.

<<< פארזעצונג פון עמוד ג

אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶועֶרֶע יָארְן; אַלֶע בְּרִידֶער און שְׁוֶועסְטֶער זֶענֶען אַזוֹי גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעאַרְבֶּעט מִיט דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער תַּלְמִיד, אִיךְ הָאבּ דִיר אוֹיסְגֶעוֶועלְט צוּ זַיין פוּן אוּנְזֶער אַרְמֵיי – זָאלְסְטוּ זַיין אַ גוּטֶער סָאלְדַאט, אַ בְּרַאוֶועֶר גֶענֶעַראל און נִישְׁט לָאזְן חַס וְשָׁלוֹם קַיין אֵיין קִינְד בְּלַייבְּן פַארְשְׁטָאפְּט. זוּךְ אַ גְרוּבֶּעלֶע בַּיי אִים אִין הַארְץ, זוּךְ וַואסֶער. קוּם מִיר דֶערְצֵיילְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה וָואס דִי עַבְדֵי אָבוֹת הָאבְּן דֶערְצֵיילְט (בְּרֵאשִׁית כו, לב): "מָצָאנוּ מָיִם!" זוּךְ אִין אִים אַ פְּלַאץ, מַאךְ אִים אַ הֶעלְד, מַאךְ יֶעדְן קִינְד פַאר אַ הֶעלְד, הָאבּ לִיבּ יֶעדְן קִינְד, וּבִפְרַט דִי קִינְדֶער וָואס עֶס דַארְף נָאךְ אַרַיינְגֵיין אִין זֵיי אַסַאךְ אַרְבֶּעט – זָאלְסְטוּ נָאכְמֶער לִיבּ הָאבְּן.

לֵייג אַוֶועק אַלֶעס, לָאז אָפּ דַיינֶע שִׁיעוּרִים, לָאז אָפּ אַלֶעס; יֶעצְט זָאלְסְטוּ נֶעמֶען מְלַמְדוּת פַאר דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. זַיי פֶעלְזְן פֶעסְט, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן פוּן קֵיינֶעם, אַל תִּירָא וְאַל תֵּחָת מֵאַף אֶחָד שֶׁבָּעוֹלָם! לֶערְן אוֹיס דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, לֶערְן זֵיי אוֹיס צוּ זַיין הֵיילִיג.

אֵיין שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ נִישְׁט מְוַתֵּר זַיין, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; דָאס זָאל זַיין דַיין וֶועג וַוייזֶער, דַיין חִיזוּק, דַיין מוּסָר סֵפֶר, דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר שְׁטֶענְדִיג.

...

(קונטרס עצתו אמונה 236, פרשת ויחי תשפב)

## ענינא דיומא – פסח

### דִי גְרוֹיסֶע חֲשִׁיבוּת פוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-פָּרָה, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

יֶעצְט וֶוען מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי אַרְבֶּעט פַאר אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן צוּ רֵיינִיגְן אוֹיף פֶּסַח; כָאטְשִׁיג פוּן אֵיין זַייט אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער צוּ רֵיינִיגְן לְכָבוֹד פֶּסַח אָבֶּער וִויסְן זָאלְט אִיר אַז אִין הִימְל זֶעט מֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט דָא בְּזֶה הָעוֹלָם; יֶעדֶע רִיר, יֶעדֶע בֵּייג אוּן יֶעדֶע שְׁוֶוערֶע אָטֶעם וָואס דִי פְרוֹיעֶן טוּעֶן לְכָבוֹד פֶּסַח. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל קְדוּשַּׁת לֵוִי – דֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט, אַז פוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי פְרוֹיעֶן וָואס מַאכְן פֶּסַח'דִיג; פוּן זֵייעֶר קְרַאצְן, רַייבְּן אוּן כַּשֶׁרְ'ן וֶוערְן בַּאשַׁאפְן מַלְאָכִים, דִי זֶעלְבֶּע מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר. דֶערְפַאר זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר זֶענְט בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער יֶעצְט פַאר פֶּסַח מִיט דִי גַאנְצֶע וִוירְטְשַׁאפְט וָואס לִיגְט אוֹיף אַייךְ, אָבֶּער פוּן הִימְל קוּקְט מֶען זִיךְ צוּ צוּ דִי אַרְבֶּעט וָואס דִי פְרוֹיעֶן אַרְבֶּעטְן אוּן בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְ'ן גָלוּת.

אַמָאל אִיז אַ פְרוֹי גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן אִים אָנְגֶעפְרֶעגְט וְכוּ' נִישְׁט צוּ הָאבְּן קִינְדֶער וְכוּ' וַוייל זִי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אִיר גֶעזָאגְט: "יֶעדֶער מֶענְטְשׁ שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וִויפִיל כֹּחַ עֶר וֶועט הָאבְּן אוּן וִויפִיל עֶר זָאל זִיךְ מוּטְשֶׁען וְכוּ', אוֹיבּ מֶען דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן קִינְדֶער וְכוּ' מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי פְּלָאג, דֶעמָאלְט קוּמְט אַנְדֶערֶע פְּלָאג"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ אַייךְ, דִי וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס פוּן פֶּסַח'דִיג מַאכְן מֵיינְט נִישְׁט אַז זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַרְבֶּעטְן, וַוייל עֶס קוּמְט אַנְדֶערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אֵייעֶר פְּלָאג, אַרְבֶּעט אוּן מִי גֵייט אַרַיין אִין מִצְווֹת אוּן אִין גוּטֶע זַאכְן. אִין אָנְגְרֵייטְן פַאר יוֹם טוֹב אוּן אִין זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט קִינְדֶער.

וֶוען עֶס אִיז אַייךְ גָאר בִּיטֶער זָאגְט אַרוֹיס שְׁטִילֶערְהֵייט אַ וָוארְט פוּן מוֹיל; זָאגְט: "טַאטֶע, גֶעבּ מִיר כֹּחַ", וֶועט אַייךְ גְלַייךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת מצורע, תשע"ט)

### מִיר זֶענֶען מַקְפִּיד צוּ כַּשְׁרְ'ן דַיקָא וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ וִוילְן מִיר שׁוֹין כַּשְׁרְ'ן, מִיר וִוילְן שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן קָאכְן פַאר יוֹם טוֹב, דָאךְ וֶועלְן מִיר וַוארְטְן צוּ כַּשְׁרְ'ן בִּיז דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר. מִיר זֶענֶען מַקְפִּיד צוּ כַּשְׁרְ'ן דַיקָא וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין שְׁטוּבּ, זֵיי זָאלְן זֶען וִוי מֶען גִיסְט דִי הֵייסֶע בְּרִיעֶדִיגֶע וַואסֶער, וִוי עֶס טוּט זִיךְ אוּן וִוי עֶס גִיסְט זִיךְ... זֵיי זָאלְן זֶען וִוי אַזוֹי מֶען גְרֵייט אָן אַ יוֹם טוֹב, וִוי אַזוֹי מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם פֶּסַח. חִינוּךְ אִיז פוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאכְן בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וָואס קִינְדֶער זֶעעֶן אִין זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן – דָאס בְּלַייבְּט זֵיי, מִיט דֶעם וַואקְסְן זֵיי אוֹיף. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "בַּיי מִיר אִיז חִינוּךְ אַזַא גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה – אַזוֹי וִוי דִי עֲבוֹדָה פוּן זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת"; רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט אוֹיפְבְּלַייבְּן צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, אֲפִילוּ עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט לֵייגְן שְׁלָאפְן פְרִי צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת. זַיי בּוֹדֵק-חָמֵץ דַיין טֶעלֶעפָאן; מֶען דַארְף דָאס כַּשְׁרְ'ן, עֶס זָאל זַיין כָּשֵׁר, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין עֲבֵירוֹת אִין דֶעם. אַ כָּשֵׁרְ'ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

(קונטרס עצתו אמונה 252, חג הפסח, תשפ"ב)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876